א) דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ דָאס זֶענֶען דִיא שְׁטְרָאף רֵייד פוּן יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא דֶער זוּהְן פוּן חִלְקִיָּהוּ עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען גִיוֶוען אִין דֶער שְׁטָאט עֲנָתוֹת אִין לַאנְד פוּן בִּנְיָמִין. רש״י שְׁרֵייבְּט פַאר וָואס הָאט גָאט גְרַאדֶע גֶעשִׁיקְט דֶעם נָבִיא יִרְמְיָהוּ ווייל יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גִיוֶוען פוּן רָחָב הַזּוֹנָה אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר פַארְט גִיוֶוען אַצַדִּיק הָאט נָאט אִים גֶעשִׁיקְט שְׁטְרָאפִין דִי יוּדִין וָואס זַיי זֶענֶען גִיוֶוען פוּן גוּטֶע אָבוֹת אוּנ אַלֵיין זֶענֶען זֵיי נִיט גוּט גִיוֶוען; (ב) אֲשֶׁר הָיָה וָואס עֶס הָאט אָן גִיהוֹיבְּין דִיא שְׁכִינָה צוּא רוּהֶען אוֹיף יִרְמְיָהוּ אִין דִיא טֶעג פוּן יֹאשִׁיָּהוּ דֶער זוּהְן פוּן אָמוֹן דֶער קֵינִיג פוּן יְהוּדָה אִין דְרַייצִין יָאהְר נָאךְ דֶעם אַז יֹאשִׁיָּהוּ אִיז גִיוָוארִין אַמֶּלֶךְ: (ג) וַיְהִי בִּימֵי אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען אַיין נָבִיא אַלֶע אִיבֶּעריגֶע יָארִין פוּן יֹאשִׁיָּהוּ אוּנ אִין דִי יָארִין פוּן יְהוֹיָקִים זַיין זוּהְן בִּיז עֶס הָט זִיךְ אוֹיס גִילָאזְט עֶלְף יָאהְר צוּ צִדְקִיָּהוּ זַיין זוּהְן דָאס אִיז דָאס יָאהְר וָואס יְרוּשָׁלַיִם אִיז פַאר טְרִיבֶּען גִיוָוארִין אִין פִינְפְטֶען חֹדֶשׁ: (ד) וַיְהִי דְבַר ה׳ אִיז גִיוֶוען צוּ מִיר גָאטְס רֵייד אַזוֹי צוּ זָאגִין: (ה) בְּטֶרֶם אֶצָּרְךָ אֵייְדֶער אִיךְ הָאבּ דִיךְ בַּאשַׁאפִין אִין בּוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דִיךְ דֶער קֶענְט נָאךְ פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אִיהְם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֶעווִיזֶען דוֹר וָדוֹר וּנְבִיאָיו וּבְטֶרֶם תֵּצֵא אוּנ אֵייְדֶר דוּ בִּיזְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דַיין מוּטֶערְס טְרַאכְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט נָבִיא דוּא וָואלְסְט זַיין אַיין נָבִיא צוּ דִי פֶעלְקֶער הָאבּ אִיךְ דִיךְ גִיגֶעבִּין. רש״י שְׁרֵייבְּט בְּטֶרֶם תֵּצֵא אוֹיף דִיר הָאבּ אִיךְ גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה אַיין נָבִיא וֶועל אִיךְ אוֹיף שְׁטֶעלִין צוּ זַייא גְלַייךְ וִוי דוּ הָאסְט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט אוּנ עֶר וֶועט זֵיי אוֹיךְ שְׁטְרָאפִין דוּ הָאסְט נְבִיאוֹת גִיזָאגְט פֶערְצִיג יָאהְר אוּנ עֶר וֶועט אוֹיךְ נְבִיאוֹת זָאגִין פֶערְצִיג יָארְ: (ו) וָאֹמַר אוּנ אִיךְ יִרְמְיָהוּ הָאבּ גִיזָאגְט דַאמָאלְס צוּ גָאט הִנֵּה לֹא יָדַעְתִּי דַּבֵּר אִיךְ ווייס נִיט צוּ ביירֶען

יהוה אלי אל־תאמר נער אנכי כי על־כל־אשר
אשלחך תלך ואת כל־אשר אצוך תדבר׃ ח אל־
תירא מפניהם כי־אתך אני להצלך נאם־יהוה׃
ט וישלח יהוה את־ידו ויגע על־פי ויאמר יהוה
אלי הנה נתתי דברי בפיך׃ י ראה הפקדתיך ׀
היום הזה על־הגוים ועל־הממלכות לנתוש ולנתוץ
ולהאביד ולהרוס לבנות ולנטוע׃ יא ויהי דבר־
יהוה אלי לאמר מה־אתה ראה ירמיהו ואמר מקל
שקד אני ראה׃ יב ויאמר יהוה אלי היטבת לראות
כי־שקד אני על־דברי לעשתו׃ יג ויהי דבר־יהוה ׀
אלי שנית לאמר מה אתה ראה ואמר סיר נפוח
אני ראה ופניו מפני צפונה׃ יד ויאמר יהוה אלי
מצפון תפתח הרעה על כל־ישבי הארץ׃ טו כי ׀
הנני קרא לכל־משפחות ממלכות צפונה נאם־
יהוה ובאו ונתנו איש כסאו פתח ׀ שערי ירושלם
ועל כל־חומתיה סביב ועל כל־ערי יהודה׃
טז ודברתי משפטי אותם על כל־רעתם אשר

די גוטקייט וואס גאט האט גיזאגט צוא ירמיה דו האסט גום גיזעהן, דיא זאך וועלין מיר פארשטיין מיט אמשל בייא אגביר איז אמאהל גישטארבין זיין ווייב, אונ אין שטאט האט געוואהנט אאלמנה וואס איז גיוועזן אגרויסע חכמת אונ האט געהאט אגרויסען האנדיל, זיא איז אפילו ניט רייך גיוועזן, פון דעסטוועגין האט זיא געהאנדעלט מיט חכמה בעסער וויא איין אנדערער מיט געלט, זיא האט גענומען סחורה אויף בארג אונ האט געהאנדעלט, דיא אלמנה איז גיפעלין געוואהרין דעם נגיד, דער גביר האט גיזאגט צו איר איך ווייס אז דו האסט קיין געלט אונ וויל קיין געלד פון דיר, איך וויל נאר פאר די חתונה זאלסטו בצאהלין דיינע אלע חובות דו זאלסט איין גראשין ניט שולדיג זיין, איך זאל ניט דארפין נאך דיא חתונה פאר דיר חובות צו צאהלין, זיא האט אים דאס צו גיזאגט מען האט געשריבען תנאים, אונ ווען זי וועט האבין בצאהלט אלע חובות דאמאלס וועט זיין די חתונה, די אלמנה האט אבער ניט געקענט אזוי געשווינט פארטיג ווערין מיט איהרע בעלי חובות, ווייל זיא האט ניט גיוואלט בצאלין יעדערין ווי פיל אים קומט, איז גיוועזן דין תורות, דער נגיד האט גיזעהן אז ביז צו דיא חתונה וועט נאך לאנג דאערין, איז ער געגאנגען צו דיא בעלי חובות אין דערשטיל אונ האט זייא גיגעבין עצות ווי אזוי זייא זאלין געשווינט אפנעמען פון דיא אלמנה זייערע חובות, ווי די אלמנה האט גיזעהן אז די בעלי חובות האבין זייערע עצות געבין איר איז איר בעוואסט גיווארין אז דיא עצות האט איר חתן זייא גיגעבין, איז דיא אלמנה געקומען מיט כעס צו איהר חתן אונ האט

פירוש ע"ט

וואררום איך בין יונג משה רבינו האט צוא דיא ישראל פריער פיל נסים גיטאן איידער ער האט זייא גישטראפט איז ער חשוב גיוועזן אין זייערע אויגין אבער איך זאל זיי אין ערשטין מאהל באלד שטראפין וועלין זייא מיך ניט צו הערין: (ז) ויאמר יי' אלי האט גאט צוא מיר גיזאגט אל תאמר זאלסט ניט זאגין איך בין יונג נאר צוא אלעם ווא איך וועל דיך שיקין זאלסטו גיין אונ וואס איך וועל דיך געביטען זאלסטו ריידען: (ח) אל תירא דו זאלסט דיך ניט פארכטין פאר זייא וואררום איך בין מיט דיר צו באשערמען דיך אזוי רעט גאט: (ט) וישלח אונ גאט שיקט זיין נביאות אונ ער איז מסדר דיא רייד אין זיין מויל אונ גאט זאגט צוא מיר איך האב גיטאהן מיין נביאות אין דיין מויל: (י) ראה זעה איך האב דיך גיזעצט היינט דעם טאג איבער אלע היידין אונ זייער קיניגרייך אוים צורייסין אונ צוא שטויסין אונ צוא מאכין פאר לירען אונ צו ווארפן לבנות ולנטוע צו בויען אונ צו פלאנצען דיא ישראל: (יא) ויהי דבר יי' אלי לאמר אונ נאטם רייד וואר צוא מיר זאגין וואס זעהסטו דו ירמיהו ואומר דא זאג איך איין מאנדיל שטעקין זעה איך דאס מיינט מען איין מלך דער דא ווערט אייליז צו שלעבט מאן די ישראל: (יב) ויאמר יי' דא שפראך גאט צוא מיר דוא האסט רעכט גיזעהן כי שוקד איך טוא איילין אויף מיינע רייד צוא טאהן זייא אזוי וויא דער מאנדיל בוים הייבט אן צוא בליען פריער פון אלע בוימער אזוי וועל איך איילין צו שיקען איין מלך דער ווערט איילין צו שלעבט מאן די ישראל: (יג) ויהי אונ גאטס רייד וואר דאס אנדערע מאהל צו מיר צו זאגין מה וואס זעהסטו ואמר דא זאג איך ירמיהו איך זעה איין זידיגין טאפ ופניו מפני צפונה אונ זיין זידונג איז פון צפון זייט: (יד) ויאמר יי' אלי שפראך גאט צו מיר מצפון פון בבל וואס איז אין צפון פון ארץ ישראל וועט קומען דאס בייז אויף ארץ ישראל: (טו) כי הנני דען איך גאט רוף צו אלע משפחות די אין צפון זייט ועגען נאום יי' אזוי רעט גאט ובאו זייא וועלין קומען אונ שטעלין איטליכער זיין שטול בייא די טויערין פון ירושלים אונ ארום אויף אלע מויערין אונ אויף אלע שטעט פון לאנד יהודה: (טז) ודברתי אונ איך גאט

עזבוני ויקטרו לאלהים אחרים וישתחוו למעשי
ידיהם: יז ואתה תאזר מתניך וקמת ודברת אליהם
את כל־אשר אנכי אצוך אל־תחת מפניהם פן־
אחתך לפניהם: יח ואני הנה נתתיך היום לעיר
מבצר ולעמוד ברזל ולחמות נחשת על־כל־הארץ
למלכי יהודה לשריה לכהניה ולעם הארץ:
יט ונלחמו אליך ולא־יוכלו לך כי־אתך אני נאם־
יהוה להצילך: כ ויהי דבר־יהוה אלי לאמר:
כא הלך וקראת באזני ירושלם לאמר כה אמר
יהוה זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך
אחרי במדבר בארץ לא זרועה: כב קדש ישראל
ליהוה ראשית תבואתה כל־אכליו יאשמו רעה
תבא אליהם נאם־יהוה:

גיזאגט צו אים אז דו טוהסט מיר אזוי שלעכטס היינט פאר די חתונה דאס וועט שוין זיין נאך די חתונה דאס דער גביר גיזאגט צו איר דו דאריפסט וויסען אז איך וויל ניט דיר שלעכטס טאהן, נאר גוטעס צוא טאהן, דאס האב איך אלץ גיטאהן וועגין מיין ליבשאפט צו דיר ווייל איך וויל דערנעהמין אונזער חתונה דו זאלסט ניט זיין אזוי בשעמטיגט אונ זאלסט ניט טראגין אויף זיך די משא פון דעם האנדיל מיט דיא בעלי חובות, זאלסט דאס אין מאהל אוועק ווארפין פון זיך, דס זעלביגע איז ביי הקב"ה מיט די יודין, ווען שלמה הט געבויעט דם בית המקדש הט הקב"ה גיוואלט דר בית המקדש זאל שטיין אייביג אונ די יודין זאלין אייביג זיצען אין ארץ ישראל מיט אלעם גוטען, וויא די יודין האבין געזינדיגט אונ האבין מטמא גיוועזן דם מקדש אונ די לאנד מיט זייערע עבירות, האט הקב"ה גיזעהן אז עס וועט לאנג דויערין ביז דיא יודין וועלין טאהן תשובה עס זאל נאך אמאל קענעו נעט בויעט ווערין אבית המקדש, דריבער האט הקב"ה געאיילט צו ברענגען אויף דיא יודין די שטראף, וועלין זייא געשווינט אפנעמען זייערע צרות פאר דיא עבירות וועט זיין געשווינדר זייער תשובה וואס זיי וועלין טאהן אויף זייערע עבירות וועט הקב"ה געשווינדער צוריק ברענגען די יודין אין ארץ ישראל אונ אויפבויען דם אנדערין בית המקדש, ירמיה הנביא האט ניט פארשטאנען דעם מיינונג פון הקב"ה פאר וואס ער איילט אזוי געשווינט די צרות צו ברענגען אויף די יודין דריבער האט אים הקב"ה גיזאגט היטבת לראות, דו האסט גוט גיזעהן, צוא גוטען האסטו גיזעהן וואס איך איל געשווינט צו ברענגן אויף די יודין די צרות, גישט דיא צרות איל איך, איך איל דס גוטע וואס וועט קומען נאך דיא צרות:

פירוש עברי טייטש

וועל ריידין מיין באווערונג מיט יהודה אונ מיט ירושלים אויף זייער בייז וואס זיי האבין מיך פאר לאזט פון צו דינען מיך אונ זיי דעמפפן צו פרעמדע אפ געטער אונ בוקין זיך צו די ווערק פון אירע הענט: (יז) ואתה אונ דו ירמיהו זאלסט אן גורטען דיינע לענדען כלומר דו זאלסט דיך שטעלין וויא איין גבור אונ דוא זאלסט אויף שטיין אונ זאלסט ריידען צו זייא אלע זאכין וואס איך וועל דיר געביטען דוא זאלסט ניט מורא האבין פאר זייא פיליכט וועל איך דיך צוא ברעכין פאר זייא: (יח) ואני אונ איך האב דיך גיגעבען היינטיגען טאג לעיר מבצר צוא זיין וויא אשטאט מיט אפעסטונג אונ צו אאייזערנע זייל אונ צו א קופערנע מויער על כל הארץ איין פלוך פעכער אן צו טרינקען דער מיט דאס גאנצע לאנד למלכי יהודה צו דיא קיניגין פון יהודה אונ צוא איהרע שרים אונ כהנים אונ צום פאלק פון לאנד: (יט) ונלחמו אליך אונ זיי וועלין שטרייטען אונ קריגען זיך מיט דיר צו ברעכין דיין נביאות אונ זיי וועלין ניט קאנען ביי קומען דיך ווארום איך בין מיט דיר אזוי רעט גאט צו בשערמען דיך: (כ) ויהי איז גיוועזן צו מיר גאטס רייד אזויא צו זאגין נביאות זייא אונ דוא זאלסט אוים רופען אין די אויערען פון דעם פאלק וואס זייא זענען אין ירושלים אזוי צו זאגין: (כא) כה אמר יי אזוי האט גאט גיזאגט זכרתי לך ווען איר ישראל זאלט פרום זיין דא וואלט איך מיך געדען דער בארמען איבער אייך דען איך גידענק דעם חסד פון דיינער יוגענד אונ דיא ליב שאפט וואס איך האב דיך אונטער דער חופה גפירט אונ דיין גאנג נאך מיר אין דער מדבר בארץ דוא ביזט אוועק גינאנגען אין אזוי אלאנד וואס מען זייעט גאר ניט אונ האסט מיט דיר ניט גינומען קיין עסין שפייז ווען דו האסט אין מיר גיגלייבט: (כב) קדש ישראל ליי די ישראל זענען הייליג פאר גאט אזוי ווי תרומה:

אחר קריאת פרשת השבוע שנים מקרא ואחד תרגום והפטרה ומזמור ה' מלך גאות לבש או מזמור שיר ליום השבת וה' מלך יגל"ח דברו משנה והלכה מסדר טהרות שהוא נגד היסוד בחינת היום:

כל [א] המטלטלין מביאין את הטומאה בעובי המרדע. אמר ר"ט אקפח את בני שזו הלכה מקופחת ששמע השומע וטעה שהאכר עובר והמרדע על כתפו והאהיל צדו אחד על הקבר וטמאוהו משום כלים המאהילים על המת. אמר רבי עקיבא אני אתקן שיהו דברי חכמים קיימים שיהו כל המטלטלים מביאין את הטומאה על אדם הנושאן בעובי המרדע ועל עצמן בכל שהן ועל שאר אדם וכלים בפותח טפח: ב כיצד כוש

כל המטלטלין מביאין את הטומאה. משום אהל שאם האהיל ראשו אחד על המת וראשו אחד על הכלים מביא להם הטומאה. בעובי המרדע. אפילו אין בו רוחב טפח אלא שיש בהקיפו טפח דחוש של טפח מקיפו דגזרו על הקיפו משום עוביו: אקפח את בני. אקברם קפוח לשון כריתה ומתוך שבועה היא אקפח את בני אם אין דבר זה אמת: שהלכה זו מקופחת קטועה ומחותכת דהא פותח טפח בעינן: ששמע השומע. כשנשאלה שאלה ע"י מעשה בבית המדרש ושמע שטמאוהו ולא ידע משום מה טמאוהו הם טמאו את המרדע משום כלים המאהילות על המת שהכלי עצמו המאהיל על המת טמא בכ"ש דלא בעינן פותח טפח אלא להביא את הטומאה תחת ראשו הב' (א) וטמאו את האיכר או מטעם חבורים (ב) או משום דהוה ליה כלים שנגעו במת ואדם בכלים וטמא טומאת שבעה (ג) והשומע טעה לומר דטמאוהו מטעם שהמרדע מביא עליו טומאה מדין אהל: שיהו דברי חכמים מקויימים. שאומרים דמרדע מביא טומאה: על האדם הנושאן. ומנין דאדם הנושאן אין עליו כי אם טומאת ערב שבגדו מפסיק בין כתיפו למרדע וה"ל דיקרב בדיקרב לדיקרב (ד) והרואה שמטמאים אותו טומאת ערב יטעה לומר משום אהל טמאוהו לפי שיש בהקיפו טפח ואתי למימר דטומאת אוהל אין בה כי אם טומאת ערב הלכך גזרו עליו בעובי המרדע לטמא טומאת שבעה מדבריהם משום אהל: ועל עצמן בכל שהן. דכלי המאהיל על המת טמא אפילו בכל שהוא: ועל שאר אדם וכלים. שתחת המרדע: בפותח טפח. כיון דאין להם טומאה כלל אין שייך לגזור על הקיפו משום עוביו: ב כוש. פלך שהנשים טוות בו אף על גב דפשוטי כלי

[א] המטלטלין. נקט מטלטלין משום שלא גזרו אלא על האדם הנושאן אבל בפ"ח אפי' מחוברין נמי כמו אילן המיסך ויסא דזרעים כו' אין מביאין משום דאין בה ממש דהוי כמו כסא הבכל כו', תוס': (א) להביא טומאה על אחרים, רע"ב: (ב) ומרדע בר קבולי טומאה ולא הוי כפשוטי כלי עץ דיש בו דרבן מלך אחד וברצאו הכ' יש בו מרזוב, הכ"מ. וזה לשיטת ר"מ דהרב ס"ם כהלל דוקא מתכות אבל שאר כלים דוקא בחבורין שבשעה שנגעו במת נגע בהן האדם. וכתב הכ"מ ותימה אי אמרינן הרב כו' לטמא באהל היה שהיכר ראוי ליטמא משום דמרדע מאהיל עליו רק דלישנא לא משמע הכי ועוד דאי משום אהל מאי קאמר ר"ע על האדם בעובי המרדע הא אפי' בכ"ש טמא מן הטורה דהרב ס"ם כהלל ומן המשנה את המתכות טמא כמתכות ואפשר דכאן לא היה בו דרבן ולא מרזוב ומרדע מקבל כלי עץ היא שהרבן מפלע ידרך להסירו, ותוי"ט: (ג) וזהו לשיטת הר"י (וכן פסק הר"ב בפ"ק מ"ב כהר"מ) דהרב כו' כ"ד כלי מתכות ומ"כ א"ל חיבורין אך קושית הכ"מ במקומה עומדת דה"ל לטמאו מטעם אהל וגם לר"ע ל"ל בעובי המרדע ומשום גזרה כו' כנ"ל הא בכ"ש סגי ול"ע: (ד) דמדאורייתא יקרב כדיקרב טמא ז' כדכתיב וכל אשר יגע בו הטמא יטמא

פרק טז א כל המטלטלין מביאין את הטומאה אלע זאכין וואס מען טראגט פון איין ארט צום אנדערין [הייסט מטלטלין] אויב איין עק פון זיי איז גיוועץ איבער א מת און איין עק איבער כלים אדער איבער א מענטש בעובי המרדע אויב די זאך איז גראב וויא דער אקער, אז מען וועט מעסטין דיא גרעב מיט א שנירול ארום און ארום, וועט זיין דער שנירול לאנג א טפח, ווערין דיא כלים אדער דער מענטש טמא אמר רבי טרפון האט רבי טרפון גיזאגט אקפח את בני איך זאל באגראבין מיינע קינדער אויב דיא זאך איז ניט אמת שזו הלכה מקופחת אז דאס איז א פארשניטענער דין ששמע השומע וטעה דער וואס האט גיהערט דעם דין אין בית המדרש האט גיהאט א טעות, ניט אזוי האט מען גיזאגט, די שאלה אין בית המדרש איז אזוי גיוועזן שהאכר עובר א אקער מאן איז גיגאנגען והמרדע על כתפו און דעם אקער האט ער גיטראגין אויף זיין אקסיל והאהיל צדו אחד על הקבר און איין זייט פון דעם אקער האט באדעקט אויף א קבר וטמאוהו האט מען גיזאגט אז דער אקער איז טמא משום כלים המאהילים על המת ווייל דער דין איז א כלי וואס בדעקט א מת אדער א קבר איז די כלי טמא אפילו זיא איז ניט ברייט א טפח, און דער אקערמאן איז טמא ווייל ער רירט אן דעם אקער, אבער אז דער אקער וואלט ניט גילעגין איהם אויף דעם אקסיל, ער וואלט איהם ניט אנגערירט, נאר דער אקער וואלט באדעקט איין זייט אויף א קבר און איין זייט אויף א מענטש, וואלט דער מענטש ניט טמא גיוועזן, ווייל דער אקער איז ניט ברייט א טפח, און דער וואס האט גיהערט האט גימיינט אז דער אקערמאן איז טמא ווייל דער אקער האט באדעקט אויף דעם קבר און אויף דעם אקערמאן, דריבער האט ער גיפסקנט אז אברעט וואס איז ניט ברייט א טפח נאר ארום איז זיא גראב א טפח וויא דער אקער איז] און דיא ברעט באדעקט אויף א מת און אויף א מענטש, איז דער מענטש טמא אפילו ער רירט ניט אן דיא ברעט, און עס איז ניט אזויא דער דין, נאר דיא ברעט מוז זיין ברייט א טפח אמר רבי עקיבא האט רבי עקיבא גיזאגט אני אתקן שיהו דברי חכמים קיימים איך וועל מאכין אז דיא רייד פון די חכמים זאלין בלייבין שיהו כל המטלטלין מביאין את הטומאה על אדם הנושאן בעובי המרדע אלע מטלטלין זאלין ברייניגען א טומאה אויף דעם מענטש וואס טראגט זייא, אפילו זיי זענען נאר גראב וויא דער אקער, דאס הייסט דיא גרעב ארום איז א טפח אפילו דיא ברייט איז ניט א טפח איז ער אויך טמא זיבין טאג [מדרבנן] ועל עצמן בכל שהן און דיא כלי אדער דיא ברעט וואס איז איבער דעם מת איז אליין טמא זיבין טאג אפילו זיא איז ניט ברייט א טפח און אויך ניט גראב א טפח ועל שאר אדם וכלים און אויף אנדערע

זסתמו ז' וכיינו במיבורין ויקרב כדיקרב לדיקרב שסיה ג' סיה
סמא טומאת ערב כדכתיב וכנסס סנוגעת תטמא עד הערב
וכרואה כו' לפי שאינו פסוס כ"כ טומאה במיבורין ויאמרו שכיא
מסוס אהל כיון שיש בסקיפס טפח אבל בפחות מכן לא יאמרו
שכיא מסוס אהל וישאלו ספסס וזהו ג"כ לשיטת ר"ת אבל לשיטת
הר"מ (וכוא שיטת הר"י
מסמפוניי"ם) כוא טמא מסוס
נוגע אפי' שלא במבורין וט"ס
דעת הר"ת ברפ"ק: [ב] לעלמו.
ולא לנוגע בו כדתנן סוף מ"ב
פ"ז: [ג] טמאים. דאדם המקבל
טומאה אינו חוצץ, מהר"ס:
(ס) דאל"ה מספיקא לא
מחזקינן טומאה, גמרא:
[ד] חדשות. שאין זמן רחוק
שלא היה כאן תל ואיכא למימר
אי נקבר שם מת מדכר לה,
דע"י ופתוי"ס: (ו) וכדרך.
סטמא כדאי' בגמ' דזמנין
דמתרמי כס"ס של ע"ס ומקרי וקברו כאן וכואיל והטעם
מסום לא סולכך לפרשו: [ס] באין כו'. אבל אם יש

שהוא תחוב בכותל בחצי זית מתחתיו וכחצי זית מעל גביו אע"פ שאינן מכוונין טמא נמצא מביא את הטומאה [ב] על עצמו בכל שהוא. הקדר שהוא עובר והסל על כתפו והאהיל צדו אחד על הקבר הכלים שבצד השני טהורים. אם יש בסל פותח טפח [ג] טמאים. התלוליות הקרובות בין לעיר בין לדרך אחד חדשות ואחד ישנות טמאות. הרחוקות [ד] חדשות טהורות וישנות טמאות. איזהו קרובה נ' אמה. וישנה ס' שנה. דברי ר"מ, רבי יהודה אומר קרובה [ה] שאין קרובה ממנה, וזכרה

עץ הוא מקבל טומאה משום לגורות של מתכת הקבוע בו: אף על פי שאינן מכוונין. שאין שני חצאי זיתים מכוונים זה כנגד זה: טמא. הכוש דמביא הטומאה על עלמו בכל שהוא: הקדר. מוכר הקדרות: והסל. המוט שנושא בו את הקדרות ובמסכת כלים קורהו אוסל דתנן התם האוסל שיש בו בית קבול מעות. ואם יש באוסל פותח טפח. מביא טומאה על הקדרות שתחתיו לצד השני שתלוים בו: התלוליות. לשון תל: הקרובות בין לעיר. הסמוכה לבית הקברות: בין לדרך. הסמוך לבית הקברות (ה): אחד חדשות ואחד ישנות טמאות. מפני שהנשים קוברות שם נפליהן דעד חמשים אמה אזנה אשה לאודה (ו) וקוברה שם הנפל שלה אבל רחוקות לא אזלה להודה לקבור בתל והואיל וצריכה לאיש שילך עמה הולכת לבית הקברות ואינה קוברה בתל והא דמטמאינן בישנות ואפי' רחוקות דחיישינן שמא קרובות היו מתחלתן וחרבה העיר ונשתכח הדבר: רבי יהודה אומר כו'. והלכה כרבי יהודה:

מענטשין אונ כלים וואס שטייען אונטער דיא ברעט אונ רירען ניט אן דיא ברעט, נאר דיא ברעט דעקט איבער זייא אונ איבער אמת, ווערין זייא אנדערש ניט טמא נאר בפותח טפח אויב דיא ברעט איז ברייט אטפח: ב כיצד וויא זייגט מען ועל עצמו בכל שהן כוש שהוא תחוב בכותל אשפינדול וואס טייבער שפינען, דאס איז אשטיקול האלץ אונ פון אויבין איז אשפיזול, אונ דער שפינדול שטעקט אין וואנט כחצי זית מתחתיו אונ אונטער דעם שפינדול ליגט אשטיקול פלייש פון אמת גרוים וויא אהאלבער איילבירט וכחצי זית מעל גביו אונ איבער דעם שפינדול ליגט אויך פלייש פון אמת גרוים ווי אהאלבער אייל־בירט אף על פי שאינן מכוונין אפילו די צווייא האלבע זיתים ליגען ניט גלייך איינער איבער דעם אנ־דערין טמא איז אויך דיא שפינדול טמא נמצא מביא את הטומאה לעצמו בכל שהוא ווערט געפונען אז אבלי ברייננט אטומאה אויף זיך אליין וויא גרוים זיא איז, אפילו זיא איז ניט ברייט אטפח הקדר דער וואס טראגט טעפ צו פאר קויפין שהוא עובר וואס ער איז געגאנגען והסל על כתפו אונ דער שטעקין וואס דיא טעפ איינגען אויף איהם, האט ער גיטראגין אויף זיין אקסיל והאהיל צדו אחת על הקבר אונ דיא זייט שטעקין וואס דארט איינגען ניט די טעפ הט איבר גידעקט אויף אקבר הכלים שבצד השני דיא כלים וואס איינגען אויף דיא אנדערע זייט שטעקין טהורים זענען טהור אם יש בסל פותח טפח אונ אויב דער שטעקין איז ברייט אטפח טמאים זענען דיא כלים טמא התלוליות דיא קליינע בערגלאך הקרובות בין לעיר ובין לדרך וואס זענען נאהנט סייא צו אשטאט וואס זיא איז נאהנט צו

אבית הקברות, אונ סייא דיא בערגלאך זענען נאהנט צו אוועג וואס דיא וועג איז נאנט צוא אבית הקברות אחת חדשות סיי די בערגלאך זענען נייע ואחת ישנות אונ סייא זייא זענען אלטע טמאות זענען דיא בערגלאך טמא, ווייל ווייבער האבין מורא צו גיין צום בית הקברות באגראבין זייא דיא קינדער וואס זייא זענען מפיל אין דיא בערגלאך הרחוקות דיא בערגלאך וואס זענען ווייט פון דיא שטאט אדער פון וועג חדשות טהורות נייע בערגלאך זענען טהור, ווייל דאס בערגיל איז ווייט פון שטאט אדער פון וועג וועט אאשה ניט גיין אליין אפילו צום בערגיל סיידין זיא זאל מיט נעמען נאך אמענטש, אונ אז זיא גייט שוין מיט נאך איינעם גייט זיא שוין צום בית הקברות וישנות טמאות אונ דיא אלטע בערגלאך זענען טמא אפילו זייא זענען ווייט פון שטאט אדער פון וועג, טאמער זענען זייא אמאהל נאנט געווען צום וועג, נאר דיא וועג איז איבער געמאכט געווארין אויף איין אנדער ארט, אדער זיא איז אמאהל נאנט געווען צום שטאט נאר אביסול הייזער פון שטאט זענען איין געפאלין אונ מען האט זייא ניט צוריק געבאהט איז דער בערגיל דער ווייטערט גיווארין פון שטאט, אונ מען געדיינקט ניט ווייל דאס איז שוין אלאנגע צייט איזו היא קרובה וועלכעס הייסט נאנט חמשים אמה ביז פופציג איילין וישנה אונ וועלכעס הייסט אלט ששים שנה זעכציג יאהר דברי רבי מאיר אזויא זאגט רבי מאיר, רבי יהודה זאגט קרובה נאנט הייסט שאין קרובה ממנה אז עס איז ניטא אנענטערר בערגיל פאר איהר וישנה אונ אלט הייסט שאין אדם זוכרה

ג המוצא מת בתחלה. שלא היה ידוע שהיה שם קבר והכי אמרינן בגמרא בנזיר המוצא ולא שהיה מלוי את פרק להרוג דהרוג אין לו תבוסה ואין לו שכונת קברות והכי גמירי לה: מושכב. ולא שהיה יושב: כדרכו. ולא שהיה ראשו מונח בין ירכותיו דכל הני חיישינן להו שמא עכו"ם הן שאין דרכן של ישראל לקבור מתים כך: נוטלו ואת תבוסתו. מותר לפנותו משם ולקברו במקום אחר וצריך שיטול מן העפר של הקבר עמו כדי תפיסה שהוא כל העפר תיחוח שתחתיו וחופר בקרקע בתולה ג' אצבעות דכתיב ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם שלא הי' צריך לומר ממצרים אלא ה"ק מעפר של מצרים טול עמי ורמב"ם גרים תבוסתו העפר המעורב מדם וליחה של המת לשון מתבוססת בדמיך: מצא ג' אם יש בין זל"ז מארבע אמות ועד שמונה. כלומר מקבר ראשון עד שלישי אין פחות מארבע אמות ולא יותר על שמונה: ה"ז שכונת קברות. וניכר שלשם קבורה נתנום שם ואסור לפנותם דקנו מקומם ואפי' מת אחד אם ניכר שלשם קבורה נתנוהו שם אסור לפנותו אלא שבאחד או בשנים אנו תולים שלא נקברו שם אלא לפי שעה והיה דעתם לפנותם אבל בשלשה מוכח שזה מקום מיוחד לקברות ואורך המערה דרכה להיות ששה ורחבה ארבעה ואלכסונה עודף שני אמות דהיינו שמנה ומש"ה תנן מארבע' ועד שמנה: כמלוא מטה וקובריה. לא גרסי' לה הכא: בודק הימנה ולהלן כ' אמה. שהמערה ארבע אמות רוחב על שש אורך והחצר שהמערות כתוחים לו מכאן ומכאן ששה על ששה דהכי ס"ל לרבנן בב"ב בפ' המוכר פירות נמצא אורך ב' מערות וחצר שביניהן י"ה אמות ולפי שפעמים חופרים מערה א' באלכסונה ואלכסון של מערה עודף על רבוע ב' אמות נמצאו כ' אמה שמנה למערה ראשונה באלכסונה וששה לחצר שבין ב' המערות וששה למערה שניה דחד אלכסון אמרינן תרי אלכסוני לא אמרינן והיינו דקתני כ' ועוד צריך לבדוק מלמעלה ולמטה כ' אמה דהיינו מ' אמה דשמא זו היא מערה שבמזרח החצר ויש עדיין אחרת כנגדה במערב החצר או כמו זו היא שבמערב החצר ויש עדיין אחרת במזרח החצר: מצא. מת אחד בסוף כ' אמה: בודק הימנו ולהלן כ' אמה. דמי יומר דמבית הקברות זה הוא ההיא מערה שמא קבר אחר הוא וחצר אחרת של אדם אחר וצריך לעשות גם לשם כל בדיקות דלעיל דכמו שיש שם קבר כמו כן יש אחרים: שרגלים לדבר. אחרי שנמצא כבר בשדה זו שכונת קברות: שאלו מתחלה מצאו. לקבר זה קודם שמצא השלשה

וישנה שאין אדם זוכרה: ג המוצא מת (בתחלה) מושכב כדרכו נוטלו ואת תבוסתו. מצא שנים נוטלן ואת תבוסתן. מצא ג' אם יש בין זה לזה מד"א ועד שמנה כמלא מטה וקובריה ה"ז שכונת קברות ובודק ממנו ולהלן כ' [ו] אמה. מצא אחד בסוף כ' אמה בודק ממנו ולהלן כ' אמה שרגלים לדבר שאלו מתחלה מצאו נוטלו ואת תבוסתו:

קרובה היינה אפי' היא בתוך ג' שוי כרחוקה והדבר דפשוטה דאם איתא דהלכה כו' לא שבקה קרובה היינה ואזלא לכך. רע"ב: [ו] אמה. ג' פר"ע ופמות עם ביסיה בין קבר לקבר אמה אמה כו', ועיין תוי"ט:

---

אכרה אז איין מענטש גידיינקט ניט: ג המוצא מת בתחלה ווען איינער האט געפונען אמת בגראבין אין דער ערד ומען האט ניט געוואוסט פריער אז דא איז אקבר, אונ דער מת איז אנישטארבענער ניט נידהרג, אונ דאס איז דער ערשטער מת וואס מען האט דא גיפונען מושכב דער מת איז גילעגין, ניט גיזעסין כדרכו וויא דער שטייגער איז אמת זאל ליגען, אונ ניט דעם קאפ איינגעבויגין צווישין דיא פיס נוטלו מעג ער דעם מת צו נעמען פון דעם ארט אונ בגראבין איהם אין איין אנדער ארט, נאר ואת תבוסתו דיא ערד וואס איז צו מישט מיט דיא בלוט אונ פייכטקייט פון מת מוז ער אויך ארום גראבין אונ מיט נעמען מיט דעם מת נאדער אין דער משנה שטייט והתבוסתו מיט אפ'ו דאס מיינט מען ער זאל מיט נעמען דיא גאנצע ווייכע ערד פון קבר וואס ארום דעם מת, אונ זאל גראבין דרייא פינגער טיף אין דיא הארטע ערד אונ אויך מיט נעמען מיט דעם מת! מצא שנים אז ער האט גיפונען צוויי מתים נוטלן ואת תבוסתן נעמט ער דיא צוויי מתים ארויס פון קבר מיט דיא ערד וואס ארום זיי אונ באגראבט זייא אויף איין אנדער ארט מצא שלשה אז ער האט גיפונען דרייא מתים אם יש בין זה לזה אויב עס איז דא פון ערשטין קבר ביז צום דריטין קבר מארבע אמות ניט ווייניגער וויא פיר איילין עד שמונה ביז אכט איילין, ניט ווייטער ווי אכט איילין וויא ווערטער "כמלא מטה וקובריה" באדף דא ניט שטיין] הרי זו שכונת קברות איז דאס אבית הקברות, טאר מען ניט צו נעמען די מתים פון דעם ארט, אונ אפילו איין מת אדער צווייא אז מען ווייס גיוויס מען האט זייא דא בגראבין אויף אייביג, טאר מען זיי אויך ניט אויס גראבין, נאר ביי איינעם אדער ביי צוויי זאגין מיר עס קען זיין מען האט זיי דא באגראבין נאר צו דער צייט, אונ מען האט גימיינט ארויס צוא נעמען זייא אונ באגראבין אין אבית הקברות, דרום מעג מען זיי אויס גראבין, אבער דריי מתים צוזאמען איז גע־ווים דער ארט אבית הקברות אונ מען האט זייא דא בגראבין אויף אייביג, טאר מען זייא ניט אויס גראבין ובודק ממנו ולהלן עשרים אמה אונ ער זוכט פון דעם דריטין מת אונ ווייטער צוואנציג איילין ואונ פון דעם ערשטין מת צוריק ווייטער אויך צוואנציג איילין) מצא אחד בסוף עשרים אמה אז ער האט גיפונען איין מת אין ענדע פון די צוואנציג איילין, זאגין מיר אז דער מת איז אויך פון דעם זעלבינגן בית הקברות, טאר מען דעם מת ניט אויסגראבין בודק ממנו ולהלן עשרים אמה אונ מען זוכט פון דעם מת ווייטער ביז צוואנציג איילין שרגלים לדבר עס איז שוין אבאווייזונג צוא די זאך אז די מתים זענען באגראבין אין אבית הקברות שאילו מתחלה מצאו ווען מען וואלט דעם מת גיפונען פריער. איידער מען האט גיפונען די דרייא, וואלט מען גיזאגט אויף

הראשונים היה נוטלו ואת תבוסתו כדתנן ברישא המוצא מת בתחלה כו' נוטלו ואת תבוסתו: **ד הבודק**. הא דתנן ובודק הימנו ולהלן כ' אמה א"צ לחפור את כלן אלא חופר אמה על אמה: **ומניח אמה**. שאינו חופר ועושה כן עד שמגיע לסוף כ' ואותה אמה שהוא חופר צריך לחפור: **עד שמגיע לסלע או לבתולה**. שהיא קרקע שלא נחפרה מעולם: **המוציא את העפר ממקום הטומאה**. מאותם האמות שהוא חופר: **אוכל בדמעו**. אם כהן הוא אוכל בתרומתו לשון מלאתך ודמעך (ו) לא תאחר ואף על גב דאין כהנים רשאין לבדוק שהרי הן מוזהרין על הטומאה מ"מ אי אתרמי כהן (ח) ובדק אינו אסור לאכול בתרומה היכא דלא אתחזק שם טומאה: **המפקח את הגל**. של אבנים שנפל על האדם ומת. אם כהן הוא: **אינו אוכל בדמעו**. דכיון דהוחזקה שם טומאה חיישינן דלמא האהיל ואפי' ספק אי ספק מת חיישינן: **ה היה בודק**. להשלים עשרים אמה: **לנחל**. נהר: **לשלולית**. אמת המים שמתלקת שלל לאגפיה שאמות אחרות של מים שותות ממנה: **או לדרך הרבים**. שאין קוברין בה את המת: **מפסיק**. אינו בודק עוד להשלים עשרים אמה: **והכל טהור**. ואין להם תבוסה (ט) אלא מלקט העצמות בלבד ואינו צריך ליטול יותר: **רבי שמעון אומר כו'**. ואין הלכה כרבי שמעון:

**ד הבודק** בודק אמה על אמה. ומניח אמה עד שהוא מגיע לסלע או לבתולה. המוציא את העפר ממקום טומאה אוכל בדמעו. המפקח בגל אינו אוכל בדמעו: **ה היה** בודק הגיע לנחל או לשלולית או לדרך הרבים מפסיק. שדה שנהרגו בה הרוגי' מלקט עצם עצם והכל טהור [ז] והמפנה קברו מתוך שדהו מלקט עצם עצם והכל טהור. בור שמטילים לתוכו נפלים או הרוגים מלקט עצם עצם והכל טהור. ר' שמעון אומר אם התקינו לקבר מתחלה יש לו תבוסה:

(ו) כר"ע וכר"ס, אבל סר"א פי' תרומה שנתערבה בחולין ולא בתרומה ודאי: (ס) אי נמי בעבד או באשת כהן ובנות כהן דאוכלים ואין מוזהרים על הטומאה, מהר"ס: (ט) וכ"ע שאין לשם שכונת קברות ומעמא טוטל ולא נתקנה לקבר, ר"ע: [ז] והמפנה כו'. כתוספתא המפנה קברו לרה"ר יהלך לשם אדם מפנה עלם כו':

---

דעם ארט איז ניט מער דא נאר דער אייגער נטלו ואת תבוסתו וואלט מען גימעגט אוים גראבין דעם מת מיט די ערד וואס ארום אים, אונ באגראבין אים אויף איין אנדער ארט, נאר איצט אז מען האט גיפונען נאך דריי מתים, זאגין מיר אז דאס איז א בית הקברות, טאר מען ניט אוים גראבין דעם מת: ד הבודק אז ער זוכט אין די ערד צוואנציג איילין די לייננ טאמער וועט ער גפינען מתים, דארף ער ניט צו גראבין די גאנצע צוואנציג איילין בודק אמה על אמה נאר ער גראבט א אייל אויף א אייל ומניח אמה אונ לאזט א אייל וואס ער גראבט ניט, דער נאך גראבט ער ווייטער א אייל אויף א אייל, אונ לאזט ווייטער א אייל וואס ער גראבט ניט, אונ ער טוהט אזוי ביז סוף צוואנציג איילין, אונ דעם אייל וואס ער גראבט, זאל ער גראבין אין די טיף עד שהוא מגיע לסלע ביז ער קומט צו הארטע ערד או לבתולה אדער ער קומט צוא ערד וואס איז נאך קיין מאהל גיגראבין גיווארין המוציא את העפר ממקום טמאה דער וואס גראבט דיא ערד פון דיא צוואנציג איילין, אויב דער גרעבער איז א כהן אוכל בדמעו מעג ער עסין תרומה אונ ער איז ניט טמא המפקח בגל אויב עס איז ארויף גיפאלין א בארג שטיינער אויף א מענטש, אונ א כהן האט אפ גערומט די שטיינער, אונ מען האט גיפונען דעם מענטש טויט אונטער די שטיינער אינו אוכל בדמעו טאר ער ניט עסין תרומה: ה היה בודק ער האט גיזוכט מתים ביז צו צוואנציג איילין והגיע לנחל אונ ער איז גיקומען צוא א טייך או לשלולית אדער צוא א קוואל או לדרך הרבים אדער צוא א וועג וואס פיל מענטשין גייען דורך, אויף די ערטער בעגראבט מען קיין מת מפסיק הערט ער אויף צו זוכין ווייטער שדה שנהרגו בה הרוגים א פעלד וואס אין איהר זענען גיהרגעט גיווארין מענטשין מלקט עצם עצם קלויבט ער צו זאמען אלע ביינער והכל טהור אונ דיא גאנצע פעלד איז טהור אונ ער דארף ניט נעמען א ביסיל ערד המפנה קברו בתוך שדהו אז ער ראמט אוים א קבר פון זיין פעלד מלקט עצם עצם זאל ער אוים קלויבין אלע ביינער והכל טהור אונ די גאנצע פעלד איז טהור בור שמטילים לתוכו נפלים או הרוגים אז ער האט אין זיין פעלד א גרוב וואס מען האט אין איר אריין גיווארפין קינדער וואס זענען טויט גיבארין גיווארין, אדער מען האט אין איר אריין גיווארפין גערהרגעטע מענטשין מלקט עצם עצם זאל ער אוים קלויבין אלע ביינער והכל טהור וועט זיין אלין טהור, רבי שמעון זאגט אם התקינו לקבר מתחלה אויב אין אנהייב האט מען אנגיגרייט די גרוב דאס זאל זיין דער קבר פון די נפלים אדער פון די גיהרגעטע, דער נאך אז מען ראמט זייא ארוים פון דיא גריב יש לו תבוסה דארף מען ארוים גראבין די ווייכע ערד פון דיא גרוב ביז דרייא פינגער דיא טיף:

## גמרא נדה דף כג ע"ב

ת"ר המפלת גוף אטום אין אמו טמאה לידה. ואיזהו גוף אטום רבי אומר כדי שינטל מן

תנו רבנן המפלת גוף אטום אין אמו טמאה לידה די רבנן האבין גילערינט אז א אשה איז מפיל א קערפער פון א קינד אונ פון דעם קערפער פעלט א שטיקיל איז דיא מוטער ניט טמא פון דעם געבורט ואיזהו גוף אטום וואס זאל פעלין פון דעם קינד אז דיא מוטער זאל זיין טהור רבי אומר כדי שינטל מן התוי ויטות רבי זאגט אז מען זאל צוא נעמען אזוי א שטיקיל

**עד הארכובה.** שנחתכו רגליה עד למעלה מן הארכובה שהיא טרפה וקסבר טרפה אינה חיה: **עד לנקביו.** ונקביו בכלל קסבר טרפה חיה הלכך עד לארכובה הוי ולד אבל עד לנקביו הוי נבלה כר' אלעזר דאמר ניטל הירך וחלל שלה נבלה ואפי' בחייה מטמאה הלכך לא חיה ובשחיטת חולין מפרש ה"ד חלל שלה כל סרכולה ונראית חסרה: **עד טבורו.** אבל עד נקביו לא דלית ליה דר"א ולאו משום טרפה קסבר טרפה חיה: **בין רבי ינאי לר' יוחנן איכא בינייהו דר"א.** ותרוייהו אית להו טרפה חיה: **מלמעלה,** שנחתך מגולגלתו: **אטומה.** חסרה: **כמין אפקתא דדקלא.** שהדקל למטה יחיד ומתפצל מלמעלה כך היו ידיו ורגליו על כתפו ולמטה הוא כלא גורה:

החי וימות. וכמה ינטל מן החי וימות רבי זכאי אומר עד הארכובה רבי ינאי אומר עד לנקביו ור' יוחנן אומר משום רבי יוסי בן יהושע עד מקום טבורו. בין רבי זכאי לרבי ינאי איכא בינייהו טרפה חיה. מר סבר טרפה חיה ומר סבר טרפה אינה חיה. בין רבי ינאי לר' יוחנן איכא בינייהו דר"א דאמר ר"א ניטל ירך וחלל שלה נבלה. אמר רב פפא מחלוקת מלמטה למעלה, אבל מלמעלה למטה אפילו כל דהו טהורה. וכן אמר רב גידל אמר רבי יוחנן המפלת את שגולגלתו אטומה אמו טהורה. ואמר רב גידל אמר ר' יוחנן המפלת כמין אפקתא דדקלא אמו טהורה:

**עד הארכובה** והארכובה בכלל דהיינו מן הארכובה ולמעלה ואין שייך לפרושה זה גבי כל שיעורי תלמוד לפעמים לענין עד ועד בכלל כאלו טרפות (דף נה) ופ"ג דחגיגה יד אמרינן בפרקין דעמא לידה היינו כשיכול שהשותל נבהה כשפי' א"כ כאן מיירי דניכל היטב שלא נכלה יותר כגון בנגים שהסרין יש עור נקלם:

---

וויא עס פעלט ביא דעם קינד) פון אלעבעדיגען מענטש וועט ער שטארבין, איז דיא מוטער ניט טמא וכמה ינטל מן החי וימות וויפיל זאל אראפגע־נומען ווערין פון אלעבעדיגען אונ ער זאל מוזען שטארבין רבי זכאי אומר עד הארכובה רבי זכאי זאגט אויב עס איז אפגענומען גיווארין דיא פיס ביז צו דיא קניה קען מען שוין ניט לעבין, אונ אז דאס קינד איז גיבארין גיווארין אן פיס ביז צו די קניה איז זיין מוטער ניט טמא פון דעם געבורט רבי ינאי אומר עד לנקביו רבי ינאי זאגט אז דיא פיס פעלין ביז צו די קניה קען מען לעבין סיידין עס פעלט נאך העכער ביז איבער דעם ארט פון שטוהל גאנג קען מען שוין ניט לעבין, אונ אז אקינד ווערט גיבארין אונ פון איהם פעלט ביז איבער דעם ארט פון שטוהל גאנג איז דיא מוטער ניט טמא פון זיין געבורט ורבי יוחנן אומר משום רבי יוסי בן יהושע עד מקום טבורו רבי יוחנן זאגט פון רבי יוסי בן יהושע'ס וועגין אויב עס פעלט ביז צום נאפיל קען מען ניט לעבין, אונ אז אקינד ווערט גיבארין אונ איהם פעלט ביז צום נאפיל איז דיא מוטער ניט טמא פון זיין געבורט בין רבי זכאי לרבי ינאי איכא בינייהו טרפה חיה צווישען רבי זכאי אונ רבי ינאי איז דער אונטערשייד אויב אטרפה קען לעבין אדער ניין ואז מען שניידט אפ פון אבהמה די פיס ביז צו די קניה איז די בהמה טרפה צום סימן מר סבר טרפה חיה רבי ינאי האלט אטרפה קען לעבין, דריבער איז די מוטער אנדערש ניט טהור סיידין עס פעלט פון דעם קינד ביז איבער דעם ארט פון שטוהל גאנג ומר סבר טרפה אינה חיה אונ רבי זכאי האלט אטרפה קען ניט לעבין, דריבער אפילו עס פעלט נאר פון דעם קינד ביז די קניה איז אויך די מוטער טהור פון זיין געבורט, ווארום ער וועט ניט לעבין בין רבי ינאי לרבי יוחנן איכא בינייהו דרבי אלעזר צווישען רבי ינאי אונ רבי יוחנן איז דער אונטער־שייד וואס רבי אלעזר האט גיזאגט דאמר רבי אלעזר

ווארום רבי אלעזר האט גיזאגט ניטל ירך וחלל שלה נבלה אויב עס איז צו גענומען גיווארין ביי אבהמה די זייט (די פאלקע ביז צום בויך) אונ אשטיקיל פון בויך אויך הייסט זיא שוין אנבלה, עס איז גלייך ווי זיא איז שוין געפיגערט. רבי ינאי וואס ער זאגט אז ביי דעם קינד פעלט ביז צו דעם ארט פון שטוהל גאנג איז דיא מוטער טהור פון זיין געבורט, האלט וויא רבי אלעזר אז עס פעלט נאר פון אינוועייניג איז שוין אנבלה, ווארום עס וועט גיוועס באלד ניט לעבין, אונ רבי יוחנן האלט ניט וויא רבי אלעזר. דריבער זאגט רבי יוחנן דיא מוטער פון דעם קינד איז אנדערש ניט טהור פון זיין געבורט סיידין עס פעלט פון דעם קינד ביז צום נאפיל, ווארום אז עס פעלט ווייניגער קען ער נאך לעבין אמר רב פפא מחלוקת מלמטה למעלה רב פפא זאגט ווען קריגען רבי זכאי אונ רבי ינאי אונ רבי יוחנן אז עס פעלט ביי דעם קינד פון אונטען אונ העכער אבל מלמעלה למטה אפילו כל דהוא טהורה אבער אז עס פעלט פון אויבין אראפ, פון קאפ, אפילו עס פעלט נאר עפעס איז שוין די מוטער טהור פון זיין געבורט ווייל ער וועט געוויס ניט לעבין וכן אמר רב גידל אמר רבי יוחנן אונ אזוי האט גיזאגט רב גידל פון רבי יוחנן'ס וועגין המפלת את שגולגלתו אטומה אמו טהורה אז אאשה איז מפיל אזוי אקינד וואס איהם פעלט אביסיל פון זיין קאפ איז די מוטער טהור פון זיין געבורט, ווייל דאס קינד וועט געוויס ניט לעבין ואמר רב גידל אמר רבי יוחנן נאך אדין האט גיזאגט רב גידל פון רבי יוחנן'ס וועגין המפלת כמין אפקתא דדקלא אמו טהורה אאשה וואס האט מפיל גיוועזן אקינד וואס עס זעהט אויס אזוי וויא אצווארציל פון אבוים אונטען איז ער איין שטיק אונ אויבין פון זיין אקסיל גייען ארויס דיא הענט אונ די פיס זיינע איז די מוטער טהור פון זיין געבורט ווייל עס וועט געוויס באלד שטארבין:

## זוהר ויקהל דף רד ע"א

דהוא רוחא דנחית ואתוסף בבני עלמא כד נחית אסתחי בבוסמין דגנתא דעדן ונחית ושרא על עמא קדישא וכאין אינון כד האי רוחא אתער. בההוא שעתא דההוא רוחא נהית נחתין עמה לגו גנתא דעדן שתין רתיכין מתעטרין לשית סטרין . וכד מטי לגנתא דעדן כדין כל אינון רוחין ונשמתין דגנתא דעדן כלהו מתערי לההוא (מתעטרי בההוא) רוחא . כרוזי קרי ואמר זכאין אתון ישראל עמא קדישא דרעותא דמאריכון אתער לגבייכו רזא דרזין לידעי חכמתא זכאין אינון כד האי רוחא אתער . האי רוחא איהו אתפשטותא דהאי נקודה . ונפקא מינה ואתפשטא בעלמא וההוא הוי רזא דשבת דשרי לתתא ועל דא כתיב ביה שמירה ושמרו בנ"י את השבת והא אוקמוה . שבת לא כתיב אלא את השבת לאסגאה ההוא רוחא דשרי על כלא ואצטריך לנטרא ליה הואיל וקיימא עמיה דב"נ ועל דא כתיב כל שומר שבת מחללו :

## מוסר — יוסף לחק — הלכה פסוקה

### מספר חסידים סימן קטה.

פרנס אל יטיל אימה על הצבור שלא לשם שמים ולא ירדה ויגנוש ויכוף אותם בחזקה לכבוד עצמו כדי שיהיו יראים ומתפחדים ממנו שאם עשו כן כמה עונשם גדול כי הם נמנים עם אויבי ה' והמסורות מוסר ממון חבריהם בידי אחרים וכ"ש גופם והאפיקורסים והמבזים תלמידי חכמים ושכפרו בתחיית המתים הפורש מדרכי צבור אף על פי שלא חטא אלא נבדל מעדת ישראל ואינו עושה מצות בכללן ואינו נכנס בינהם בצרתם ולא

### רמב"ם הלכות שבת פרק יט

(א) העושה שני בתי נירין חייב העושה נפה או כברה או סל או סבכה או שסרג מטה בחבלים ה"ז תולדות עושה נירין ומשיעשה ב' בתים באחד מכל אלו חייב וכן כל העושה שני בתי נירין בדבר שעושין אותו בתים בתים כגון אלו חייב:(ב)דרך האורגין שמותחין החוטין תחלה באורך היריעה וברחבה ושנים אוחזין זה מכאן וזה מכאן ואחד שובט בשבט על החוטין ומתקן אותן זה בצד זה עד שתעשה כולה שתי בלא ערב ומסיכת החוטין כדרך האורגין היא הנסכת המסכה וזה המותח נקרא מיסך וכשקופלין אותם ומתחיל להכנים השתי בערב נקרא אורג :

---

פרנס אל יטיל אימה על הצבור שלא לשם שמים דער מענטש וואס איז אאלצטער איבער דיא מענטשין פון שטאט זאל ער ניט ווארפין אויף זייא אמורא, אויב דיא מורא איז ניט פון גאט'ס וועגין ולא ירדה וינגוש ויכוף אותם בחזקה לכבוד עצמו כדי שיהיו יראים ומתפחדים ממנו אונ דער פרנס זאל ניט גיוועלטיגען אונ ניט צווינגען אונ נייטין דאס פאלק מיט שטארקייט פון וועגין זיין כבוד זייא זאלין פאר איהם מורא האבין אונ שרעקין שאם עשה כן כמה עונשו גדול אונ דער פרנס וואס טוהט אזוי וועט זיין שטראף זיין זייער גרויס כי הם נמנים עם אויבי ה' דיא מענטשין ווערין געציילט צו זאמען מיט דיא מענטשין וואס האבין פיינט גאט והמסירות מוסר ממון חבריהם בידי אחרים וכל שכן גופם אונ דיא מענטשין וואס מסרין אונ גיבען דאס געלט פון זייער חבר אין פרעמדע הענט, אונ דיא עבירה איז נאך גרעסער אויב זייא גיבען דעם מענטש אליין אין פרעמדע הענט והאפיקורסין והמבזים תלמידי חכמים ושכפרו בתחיית המתים אונ דיא אפיקורסים אונ דיא מענטשין וואס פארשעמען תלמידי חכמים אונ וואס לייקענען אין תחיית המתים הפורש מדרכי צבור אונ דער מענטש וואס שיידט זיך אפ פון דעם יודישען פירונג אף על פי שלא חטא אלא נבדל מעדת ישראל אפילו ער האט ניט געזינדיגט נאר ער האט זיך אפגעשיידט פון דיא יודישע פארזאמלונג אינו עושה מצות בכללן ער טוהט ניט מצות מיט זיי צו זאמען ואינו נכנס ביניהם בצרתם אונ ווען עס איז בייא די יודין אצרה מישען זייא

(א) העושה שתי בתי נירין חייב אז איינער ציהט ארויין צוויי פעדים אין דעם וועב האלץ אום שבת איז ער חייב העושה נפה או כברה או סל או סבכה או שסרג מטה בחבלים אויב איינער האט געמאכט אום שבת אדינגע זיפ אדער אנראבע זיפ אדער אקארב אדער אשאטקע אדער ער הט גיפלאכטין אבעט מיט שטריק הרי זה תולדות עושה נירין איז דאס גליך אזוי וויא ער וואלט געמאכט די נירין [פעדעם ארויין געצויגען אין וועב האלץ] ומשיעשה ב' בתים באחד מכל אלו חייב אויב ער מאכט אום שבת צוויי פלעכטונגען ביי איינע פון די זאכין איז ער חייב וכן כל העושה שני בתי נירין בדבר שעושין אותו בתים בתים כגון אלו חייב אונ דער מענטש וואס מאכט צוויי פלעכטונגען אום שבת ביי אזוי אזאך וואס ווערט גיפלאכטין אזוי וויא די זאכין וואס מען האט דא געציילט איז ער חייב : (ב) דרך האורגין שמותחין החוטין תחלה באורך היריעה וברחבה דער שטייגער איז בייא די וועבערס פריער ציהען זייא אין די פעדים אין די ליינג פון די פלאכטע אונ אין די ברייט ושנים אוחזין זה מכאן וזה מכאן אונ צוויי מענטשין האלטין די פלאכטע איינער פון דער זייט אונ איינער פון דער זייט ואחד שובט בשבט על החוטין ומתקן אותן אונ איינער קלאפט מיט ארוט אויף דיא פעדים אונ מאכט זיי גלייך זה בצד זה עס זאל זיין איין פאדים נעבין דעם אנדערין עד שתעשה כולה שתי בלא ערב ביז עס ווערט אין גאנצין לאנגע פעדים אין דיא פעדים וואס מען האט דורך געצויגין אין דיא ברייט ומסיכת החוטין כדרך האורגין היא הנסכת המסכה אונ דאס אנציהונג פון די פעדים וויא די וועבער טוהען דאס איז דיא ארבעט פון וועבין וזה המותח נקרא מיסך דיא פעדים אנציהען רופט מען מיסך וכשקופלין אותה ומתחיל להכנים השתי בערב נקרא אורג אונ אז מען טאפילט דיא פעדים אונ מען הייבט אן ארויין ברייגען דיא לאנגע פעדים אין דיא דורך וואָרף פעדים דאס רופט מען אורג. וועבין:

מתענה בתעניתם שלא מחמת אונס וחולי אלא הולך בדרכו כא' מעמי הארץ וכאלו לא היה מהם ושנתנו חתיתם בארץ החיים אלו שמטילים אימה על הצבור שלא לשם שמים יורדים לבאר שחת ואינם יוצאים משם לעולם גיהנם כלה והם אינם כלים שנאמר וצורם לבלות שאול אלא אש יוצא מעצמותיהם ונשרפים:

---

זיך ניט אַריין צו הֶעלְפִין זֵיי וְלֹא מִתְעַנֶה בְּתַעֲנִיתָם און ער פאסט ניט ווען זייא פאסטין שֶׁלֹא מֵחֲמַת אוֹנֶס וְחוֹלִי אֲפִילוּ ווען ער איז ניט קראנק און קיין אנדערע שטערונג פון דעסטוועגין פאסט ער ניט אֶלָּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכּוֹ כְּאֶחָד מֵעַמֵּי הָאָרֶץ נאר ער גייט זיין בעזונדערין וועג וויא איינער פון אלע פעלקער פון לאנד וּכְאִילוּ לֹא הָיָה מֵהֶם גלייך וויא ער וואלט נאר ניט געוועזין פון יודין וְשֶׁנָּתְנוּ חִתִּיתָם בְּאֶרֶץ הַחַיִּים און דיא מענטשין וואס געבין זייער מורא אויף מענטשין וואס זענען אונטער זייא אֵלּוּ שֶׁמַּטִּילִים אֵימָה עַל הַצִּבּוּר שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם דאס זענען די מענטשין וואס ווארפין אמורא אויף די יודין ניט פון גאטס וועגין יוֹרְדִין לִבְאֵר שַׁחַת דיא אלע מענטשין וועלין אראפגידערין אין טיפען גרוב אין גיהנם וְאֵינָם יוֹצְאִים מִשָּׁם לְעוֹלָם און זייא וועלין קיין מאהל פון גיהנם ניט ארויס קומען גֵּיהִנָּם כָּלֶה וְהֵם אֵינָם כָּלִים דער גיהנם וועט זיך ענדיגען און זייערע יסורים וועלין זיך ניט ענדיגען שֶׁנֶּאֱמַר וְצוּרָם לְבַלּוֹת שְׁאוֹל וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא געשטארקט זייא זאלין איבערלעבין דעם גיהנם אֶלָּא אֵשׁ יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתֵיהֶם וְנִשְׂרָפִים נאר עס גייט ארויס אפייער פון זייערע ביינער און עס פארברענט זייא:

# אור צדיקים

(לג) יזהר האדם שלא יראה בפני הכועס בעת דברו עמו. ומי שקולו נמוך ומרבה בשתיקה נעשה מרכבה לשכינה:

(לד) מי שצריך להטיל כעס יראה כמו כועס ובאמת אינו כועס כי הכעס גורם שאינו מודה על האמת ולא יכנע לבבו הערל:

(לה) יזהר מאוד מכל דבר הנונע לחילול השם, דעל תלת מילי ישראל בגלותא בעוה״ר וכו׳:

(לו) יזהר מקלות ראש ח״ו כי מקלות יביא לחמורות:

(לז) יזהר שלא לכבד שום רשע ושלא יתן שלום לרשע, שלא לכבד שנאמר כי מנעך ה׳ מכבוד, ושלא יתן שלום לרשע דכתיב אין שלום אמר ה׳ לרשעים:

(לח) קודם שיעשה שום מצוה ידקדק שלא יהיה מצוה הבאה בעבירה כי אז טוב לו שלא לעשותה:

(לט) השירות של חשק וניבול פה מפריד הנשמה מצרור החיים ח״ו ועובר על עשה ודברת בם ולא בדברים בטלים:

(מ) לא ימלא פיו שחוק ומכש״כ שלא לשמוע זמר מיום שחרב ב״ה:

(מא) אסור לשמוח בתקלת חבירו או במיעוט ידיעתו בעבודת השי״ת כי כל ישראל ערבים זה לזה מכח נשמתם:

(מב) איסור גדול לצחק בקארטי״ן וכדומה, כי בשעת הצחוק אינו מכוין ביראת ה׳, וכש״כ אם ישחק בטיולים והולך בטל, אוי להם

למי שצוחקין במי שזהיר בעבודת הש"י, וגורמים ד' רעות, א' שמתלוצץ וכתיב כי דבר ה' בזה הכרת תכרת, ב' אולי ימנע הצדיק מצדקתו, ג' אנשים רבים שלא ניסו עדיין לילך בדרכי ה' ימנעו מתוך השחוק, ד' דומה ללסטים העומדים בפרשת דרכים ומקצצים רגלי המביאים דורונות למלך:

(מג) שלא להביא את עצמו לידי חשד והרחק מן הכיעור והדומה:

(מד) לא יסתכל בצלם אדם רשע:

(מה) השנאה הוא עון גדול לא תשנא את אחיך בלבבך, גם יזהר אדם מאוד מלדבר רכילות וגם שלא לקבל:

(מו) אסור לגלות סוד שאמר לו חבירו אא"כ אמר לו בפירוש אמור אז מותר לגלות:

(מז) אסור לספר בגנות של חבירו אפילו אמת כי כשאומר דבר שקר על רעהו נקרא מוציא שם רע:

(מח) אסור לומר שתקו מפלוני איני רוצה לדבר בגנותו כי גם זה הוי אבק לשון הרע, קשה מכולם מדת הנרגן הוא מי שדרכו להתלונן ולומר פלוני זה הלשין כך וכוון לביישני וכדומה ח"ו ועל זה נאמר נרגן מפריד אלוף כי אוהבו נהפך לשונא, הפוגם פיו בדברי נבלה מטמאין ותו ויבא לידי ש"ז לבטלה ואפילו גז"ד של ע' שנה לטובה נהפכין עליו לרעה ח"ו:

(מט) אסור לדבר עם אשתו על עסקי הש"יש כי יבא לידי הרהור ויחטיא ברית קודש להוציא שז"ל ר"ל וגדול עונו מנשוא ונידון במיתה עולמית ואין תפילתו נשמעת מ' יום ואין נשמתו עולה למעלה ובהיכל נוגה ז' מלכים עם רמ"ח כתות מנדים אותו:

(נ) לא יוציא דבר מגונה מפיו ואפילו שם הצואה בלשון אשכנז בכלל זה:

(נא) לא יכנע שם רע לחבירו שיתבייש ממנו, שיורד לגיהנם ואינו עולה:

(נב) ירחיק מאונאה ח"ו ומאונאת דברים ביותר כי ממון איתא בחזרה אבל דברים אינן בחזרה וכש"כ שיזהר באונאת אשתו, ולא יקלל לאשתו כי היא פלגא דגופא וה"ה לכל אדם דהוא חלק אלוה, ונמצא שמקלל אלהים ח"ו:

(נג) יזהר ליתן שלום לעני ולהשיב כי כל מי שלא נתן שלום ואינו משיב נקרא גזלן שנאמר גזלת העני בבתיכם:

(נד) לא יסתכל בבהמות ובעופות בשעה שנזקקים זה לזה:

(נה) אסור להסתכל בציור ע"ז ח"ו:

(נו) אסור להסתכל בכל דבר המביא לידי שמחה מיום שחרב בית המקדש:

(נז) אסור לגדל זכר ונקבה בביתו שלא יבא לידי הרהור על ידיהם :

(נח) אסור לשתוק בשמעו זילותא דת״ח ומי לנו גדול מר״א בר״ש כדאיתא בגמרא :

(נט) לא יהנת מריח ע״ז ומריח מאכלות אסורות ובגדי עמי הארץ כי מעורר לעצמו תאוה רעה :

ס) לא ידבר בפני מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין :

(סא) לא יהיה נבהל להשיב משיב דבר בטרם ישמע וגו׳ :

(סב) לא יבוש מלומר על מה שלא שמע לא שמעתי :

(סג) יתרחק מליצנות אפילו על דבר קל שבקלים כי אינו זוכה לראות פני השכינה ח״ו כי אין לו הנאה במה שמתלוצץ לכן עונשו גדול :

(סד) יתרחק מלעמוד במקום הטינופת ובמקום המזיקים :

(סה) ירחיק מבתי ע״ז והבמות שלהם וכו׳ :

(סו) ירחיק מהזונה ומארבע אמותיה שלא יסתכל בה ויבא במחשבו שום הרהור ח״ו :

(סז) יתרחק מכשפים וקוסמים :

(סח) לא יהיה בעל קטטה ומריבה עם בני ביתו כי זה מביא להיות קטטה בין איש לאשתו. והמריבה בבית היולדת גורם סכנה לולד. וכן בבית החתן והכלה גורם רעה ח״ו :

(סט) לא יהיה מלוכלך בידיו ובבגדיו כי היא הקליפה הנקרא טינוף וטינופת ובשביל כן אמרו שאסור לקרא לתינוק טינוף ולתינוקת טינופת :

(ע) יגביר תמיד יד ימין על שמאל וע״ל בכוונת התפלה מה עניינו :

יזהר שלא

ומי שהולך מעת לעת בלי
תורה רע מאד והשם י"ת יצילנו מזאת שכל אדם חייב לעסוק
בתורה בכל עת ורגע שאפילו מי שעוסק במו"מ ואין לו זמן
עכ"פ יקבע עתים לתורה ובפרט שעכשיו בנמצא הספר **חק**
**לישראל** שבו כלול תנ"ך גמרא ואגדה משניות
וזוהר ואין צריך שהות רק חצי שעה ומה תירץ
יש על זה ומה יענה האדם כשידונו אותו ע"ד פוטר מים
ראשית מדון ומה תירוץ יהיה לו על זה למה לא קבעת עיתים
לתורה היה לך לקבוע עכ"פ איזה עת לתורה

## קיצור שלחן ערוך קנא

ך הרוצה לשמור, א"ע מחטא זה, ישמור את פיו מניבול פה, משקרים, מרכילות ומלה"ר ומליצנות. וכן ישמור את אזנו משמוע דברים כאלו. גם יהא זהיר לקיים נדריו, ולא ירבה בדאגה, וגם יהא זהיר מהרהורים רעים. וקודם שהולך לישן (א) יעסוק בתורה, או יאמר ארבעה מזמורי תהלים הראשונים (עיין לעיל סימן קל"ב סעיף ה'). ויזהר שלא לישן בחדר יחידי:

## לחם הפנים

הגהות מבעהמ"ח מסגרת השלחן

**(א)** יעסוק בתורה. איתא בספרים דלימוד משניות מסוגל לנשמה כדלעיל סי' א' ס"ה ועי' לעיל בסי' כ"ז סי"ג דטוב ללמוד בספר חק לישראל דבר יום ביומו. והנה עמדנו למנין בשיתא סדרי משנה ומצאנו כי משניות אלו חסרים בהספר חק. (סדר זרעים) מעשרות, מעשר שני, חלה, ערלה, בכורים: (סדר מועד) שקלים, יומא, ראש השנה, תענית, מגילה, מועד קטן, חגיגה: (סדר נשים) נדרים מן פרק ד' ולהלן, נזיר: (סדר נזיקין) מכות, עדיות, אבות, הוריות: (סדר קדשים) בכורות מן פרק ד' ולהלן, ערכין, תמורה, כריתות. מעילה, תמיד עד פרק ד': (סדר טהרות) כלים. נגעים מן פ"ק י"א ולהלן, טהרות, נדה, מכשירין, זבים, טבול יום, עוקצים: והם עולים בס"ה שני מאות פרקים. והנה עצה היעוצה לסיים בכל שנה לימוד שיתא סדרי משנה כשילמוד בספר חק לישראל דבר יום ביומו, ואם לא יהיה לו פנאי באיזה יום ישלים בלילה או ביום שאח"כ (גם ישלים בשנה שאינה מעוברת המשניות של הסדרות המחוברין הכתובים בחק). והשני מאות פרקים הנוספים הנ"ל ילמוד בכל שבוע ד' פרקים, היינו בכל לילה ילמוד חצי פרק משניות קודם השינה, ובש"ק ילמוד פרק אחד: וכתב בספר שערי הקדושה חלק א' שער ו' וזה לשונו ולמען יהיה שלחנך מזבח כפרה לכפר עונותיך בהמעיט מאכלך להחליש הקליפה השורה במזון שנפשך ניזונת בו תעסיק בתורה איזה משנה כו' ויכריזו עליך זה השלחן אשר לפני ה' ויחלש כח היצה"ר מעליך ויתחזק נפש השכלית שבך על ידי התורה שהיא מזון אל הנפש הזו גם היא עכ"ל. וכן כתבו בהרבה ספרים. ולכן טוב להשלים הד' פרקים הנ"ל שבכל שבוע בדרך זה, שילמוד בכל סעודה של ימות החול עכ"פ ב' משניות. ובלילה קודם השינה ג"כ עכ"פ ב' משניות, וממילא יושלמו הד' פרקים במשך השבוע, וזה יוכל להתחיל לנהוג גם באמצע השנה מתי שירצה, כי א"צ ללמוד המשניות כסדר דוקא. וכל אימת שיתחיל לנהוג יעשה בשנה הבאה בעת זה הסיום על המשניות כנ"ל, רק שצריך ליזהר להתנות בתחילה שאינו מקבל עליו כן בנדר, וגם יאמר שאין בדעתו לנהוג כן ללמוד באופן זה אלא בפעם ההיא, או בפעמים שירצה, ולא לעולם, וכמו שנתבאר לעיל סימן ס"ז סעיף ז' בכל מנהג של מצוה:

## אוצר החיים

סדר היום

קכט. אחר תפלת מנחה למד רבינו בחדרו חק לישראל ושו"ע או"ח.

## ילקט קכט יוסף

(ד"ח)

בשער המצוות פר' ואתחנן דף מ"ו ועתה נבאר סדר עסק התורה שיעסוק האדם בכל יום וכו', תחלה יקרא מקרא ואח"כ נביאים ואח"כ כתובים ואח"כ קבלה ואח"כ משנה ואח"כ תלמוד, וטוב שיקרא ג' בחינות שיש בתלמוד והם ברייתא ותוספתא ומימרא וכו' תחלה יקרא בתורה מפר' השבוע ההוא ביום א' יקרא ששה פסוקים ראשונים שבאותה פרשה וביום ב' יקרא ד' פסוקים שלאחריהם, וביום ג' ה' פסוקים שלאחריהם וביום ד' ו' פסוקים שלאחריהם וביום ה' ה' פסוקים שלאחריהם כללות כולם הם כ"ו פסוקים וכו' עיי"ש.